היטען צוויי שבתים אזוי ווי דער דין איז, וועלען מיר באלד אויסגעלייזט ווערען פונ׳ם ביטע־רען גלות, און אויך אז יעדער וואָס איז מחלל שבת איז גלייך ווי ער וואָלט געדינט דער עבודה זרה.

2) ארויסגעבען א צייטשריפט און ליפלעטס כדי צו פארשטאַרקען די ידיעות וועגען שמירת שבת.

3) ארויסגעבען א קול־קורא צו אלע פרומע אידען, וואָס היטען אָפּ שבת, אז זיי זאָלען זיך נישט איילען מיט מקבל שבת זיין א פאָר שעה פריהער אין די זומער־חדשים, אזוי ווי א סך מענשען זענען זיך נוהג, ווייל דאָס ברענגט א צומישעניש, איבערהויפט פאר דעם יונגען דור און דעריבער איז דאָס שעדליך, און עס קאָן זיין גורם זיין חלול ש״ק.

4) אז פון שבת סליחות ביז הושענא רבה זאָלען אלע רבנים אין לאנד ווידמען אויף אויפ־צוקלערען דעם גרויסען איסור פון חלול שבת, איבערהויפט דעם ערשטען טאָג ראש השנה תש״ג, וואָס פאלט אויס אום שבת, ווען אלע אידען קומען זיך צוזאמען אין די שוהלען, דאמאָלט זאָל גערעדט ווערען וועגען שמירת שבת, ווייל אין דעם טאָג וועלען אפילו די אידען, וואָס זענען מחלל שבת א גאַנץ יאהר, זיך צו די רייד צוהערען.

5). צו גרינדען פרויען אָרגאַניזאציעס, וואו עס זאָלען זיך באַטייליגען פרומע פרויען נאָר שומרות שבת, כשרות און טהרת משפחה, מיטן צוועק, אז זיי זאָלען מיטהעלפען צו פאַרשטאַרקען שמירת שבת אין לאנד, און מען זאָל נאָר פאַטראָניזירען די סטאָר׳ס וואָס האַלטען שבת, און מען זאָל נישט לעזען קיינע אידישע צייטונגען, וואָס ווערען געדרוקט אום שבת, אויך זאָל מען אויסמיידען צו געבען אזעלכע צייטונגען אדווערטייזמענטס; בכלל זאָל מען נאָר קויפען אין אזעלכע געשעפטען, וואו עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אז די איי־גענטימער זיינען סטריקטלי שומרי שבת.

6). אז מען זאָל זיך באַמיהען צו גרינדען א פאראייניגטען פראָנט פון אלע רבנים ושומרי תורה און שאפען א ועד בלתי מפלגתי, כדי צו טהון פאר שמירת שבת וטהרה וכו׳.

## רעזאָלוציעס וועגען טהרת המשפחה

די קאָנפערענץ „למען חזוק היהדות״ באַשליסט:

א). כדי צו פארבעסערען דעם טרויעריגען צושטאַנד פון טהרת המשפחה, וואָס איז דער יסוד פון אידישען פאָלק, און וואָס צוליב דעם שטעהט אין סכנה — דער קיום האומה איבערהויפט די אידישע ערציהונג העגנגט פיל פון דעם ענין אָפּ, — ליגט א הייליגע פליכט אויף אלע אידען אין לאנד, צו גרינדען קאָמיטעס אין אלע שטעט, וואָס זאָלען זיך באַשעפטיגען מיט דעם ענין פון גרינדען מאָדערנע מקואות כשרות, און אגיטירען מינדליך און שריפט־ליך צווישען די אידישע טעכטער, וואס האָבען דאָס פארנאַכלעסיגט, אז זיי זאָלען אויף זיך נעהמען צו האַלטען אלע דינים, וועלכע זיינען פארבונדען מיט טהרת המשפחה; אויך די רבנים זאָלען רעדען פון די בימות וועגען דעם דאָזיגען אָנגעווייטאָגטען ענין.

ב). אזוי ווי די אגודת ישראל וויל נישט נעהמען קיין מאָנאָפּאָל אויף דעם ענין, לאַדעט זי איין אלע אידען שומרי שבת ומצוות, איבערהויפט די רבנים, אז זיי זאָלען נעהמען אַנ־טייל אין דער הייליגער אקציע וועגען טהרת המשפחה.

ג). צו גרינדען קאָמיטעס פון נשים צדקניות שומרות דת וטהרה, וועלכע זאָלען אגיטי־רען צווישען אידישע פרויען וועגען היטען די גרויסע מצוה פון טהרת המשפחה.

ד). יעדע קאָמיטע, וואָס ווער וועגען דעם ענין געגרינדעט ווערען, דארף זיך צוזאמען־קומען ווייניגסטענס איינמאָל אין חודש, כדי צו באַטראַכטען וואס עס קאָן געטהון ווערען כדי צו פארבעסערען דעם טרויעריגען מצב.